געשטאַלטן

אוצר החכמה

נ. כיניטש / ר׳ רפאל יאסל

א.

אַ וווּנדער איז געשען אין סלוצק: רפאל יאָסל דער שניידער, אַ יונגערמאַן האָט מיט אַמאָל פאַרלאָזן שניידעריי, ווען חוה, די באָב־פאַרקויפערין האָט אַריינגעטראָגן פאַרריכטן איר מאַנס קאַפּאָטע, איז דער שניידער אין שטוב ניט געווען. און ווי מ׳האָט איר איבערגעגעבן, האָט ער שוין אַ פּאָר טעג אין שטוב ניט אַריינגעשמעקט. וווּהין האָט ער געקענט נעלם ווערן? — אָט די פראַגע האָט אַלעמען פאַראינטערעסירט. די שטאָט האָט געקאָכט, און פאַרשיידענע השערות זענען איבערגעגעבן געוואָרן: אייניקע האָבן געזאָגט, אַז ער איז אַוועקגעפאָרן קויפן עפּעס אַ הויז. אַנדערע האָבן דערציילט, אַז דער שניידער איז אַוועק איבער די דערפער אַרבעטן ביי די גויים. אַן אָרעמאַן זוכט נעבעך פרנסה ער זאָל קענען מפרנס זיין אַ ווייב מיט קינדער. אַ ערלעכער יונגערמאַן, ניט קיין גרויסער בן־תורה, אָבער ער האָט פאַרמאָגט אַ גוט האַרץ און האָלט זייער פון אַרבעט. מיט אַמאָל פאַרשווּנדן. ניט געזאָגט ווי לאַנג ער וועט זיך זאַמען און וווּהין ער גייט.

אין „ותיקין שטיבל״ האָט אים געפונען דער שמש זיצנדיק פאַרטיפט אין אַן „עין־יעקב״ און אָנגעזאָגט דער ווייב אַז דער מאַן איז אין שול. אַהיים האָט ער בשום אופן ניט געוואָלט גיין. אָט דאָ וועט ער פאַרברענגען ביחידות, וועט לערנען תורה און דינען דעם בורא מתוך אהבה און דביקות. ס׳זענען אָנגעקומען בעלי־בתים גערעדט, געטענהט און געגעבן צו פאַרשטיין: ער זאָל גיין אַהיים, וואָס איז דער ציל פאַר אַ מענטשן אין מיטן דרינען אַוועקוואַרפן אַ ווייב מיט קינדער און זיך זעצן לערנען. בשום אופן האָט ער ניט מסכים געווען, ער האָט זיך איינגעשפּאַרט. דאָ וועט ער פאַרברענגען זיין ביסל יאָרן. ווייט פון טומל, זאָרג און עולם־הזה׳דיקע פאָדערונגען, גליקלעך וועט ער זיין.

זאָל ער זיצן דאָ אַ פּאָר טעג, נישקשה. דער הונגער וועט אים צודריקן, וועט ער זיך פאַרבענקען נאָך דער היים. זאָל אַזוי לאַנג דויערן דער יידישער גלות, וויפל צייט ער וועט פאַרברענגען אין שטיבל — האָבן געזאָגט שטאָט־מענטשן.

אָבער ניט אַזוי איז געווען ר׳ רפאל־יאָסל: אַריינגעוואָרפן זיך בלב ונפש אין לערנען תורה, דורכגעגאַנגען משנה, צוביסלעכווייז גמרא. געמאַטערט זיך אויף אַ שווערן ענין. יאָ געגעסן, ניט געגעסן, וואָס איז דער אונטערשייד? האָט די ווייב עפּעס געבראַכט איז גוט געווען און אויב ניט איז אויך רעכט. ביז שפּעט אין דער נאַכט געלערנט, מיד ווערנדיק געכאַפּט אַ דרעמל אויף אַ האַרטער באַנק, אַהיים ניט געגאַנגען, אַ שאָד די צייט! ביטול תורה! בעסער דורכגיין נאָך אַ פּאָר בלעטלעך גמרא. ביי טאָג געפרעגט, זיך ניט געשעמט און געלערנט בהתמדה, און ביינאַכט ווען אַרום איז געווען אַלעס שטיל, ביי אַ קליינעם לעמפּל איז געזעסן אַ ייד אַ נזיר און מיט אַ זיסן דינעם קול געזונגען, זיצנדיק איבער אַ גרויסער גמרא, זייענדיק פאַרטיפט אין אַ שווערן ענין, האָבן זיך געוווּנדערט מענטשן פון וואַנען קומט דאָס אַזאַ מדרגה צו אַ פּשוטן שניידער? לומדים זענען נתפעל געוואָרן פון זיינע גרויסע בקיאות און טיפן פאַרשטאַנד, איבערראַשט האָט ער אַלעמען מיט זיין שאַרפן מוח. קיינער האָט ניט געוואַגט מער אַרויסריידן „רפאל־יאָסל דער שניידער״, און מיט אַ הייליקייט אויף די ליפּן איז אַרומגעגאַנגען דער נאָמען „ר׳ רפאל־יאָסל״.

שטאָטיקע יידן האָבן געפונען פאַר אַ חוב צו זאָרגן פאַר זיין פאַמיליע און צושטעלן אים עסן.

ר׳ רפאל־יאָסל פלעגט אָפּט זיצן אין אַ תענית, זייער זעלטן זיך באַוויזן אויסער דעם שטיבל אויף אַ פּאָר מינוט, ניט גערעדט קיין דברים בטלים. יאָרן פאַרבראַכט אין ד׳ אמות של הלכה. זיין בלאַס געזיכט, די איינגעדאַרטע באַקן, מיט די לאַנגע זיידענע פאות, די שוואַרצע אויגן, וואָס האָבן אויסגעדריקט עפּעס אַ טיפן טרויער און אַ ליבשאַפט צו דער גאַנצער וועלט. דאָס אַלעס האָט אַלעמען באַצויבערט און זיין נאָמען איז געווען באַוווּסט אין דער גאַנצער געגנט, ביז וואַנען ס׳איז אים אַרויס אַ נאָמען פון אַ צדיק.

האָט עפּעס אַן אומגליק געטראָפן, איז מען געקומען צו ר׳ רפאל־יאָסלען, איז ער געשטאַנען איינגעבויגן, ביטער געזיפצט מיט טרערן אין די אויגן — „וואָס זשע קען איך העלפן, קינד מיינס! איך בין אַ פּשוטער בשר ודם, אַ שניידער, גיי אַהיים און דער שוכן שמים וועט דיר העלפן, דער הויפּט איז בטחון אין טאַטן פון הימל, ער איז הכל־יכול״.

איז אימיצער געקומען ריידן מיט אים אין לערנען, האָט ער געענטפערט, זיך מתוכח געווען, אָבער אויסער דעם געשוויגן.

איז געקומען אַ יידענע אַ שאלה פרעגן, האָט ער געזאָגט: „טאָכטער מיינע! גיי צום רב!״ אָבער, רבי, איר זייט דאָך

מער ווי אַ רב, דער דיין האָט געזאָגט, אַז איר זייט אַ „רב".

„גיי טאָכטער! איך בין רפאל־יאָסל דער שניידער".

אינמיטן נאַכט פלעגט ער אויפשטיין, אַרויפלייגן אַש אויפן קאָפּ, זיין טרויערדיקע שטימע, ציטערנדיק פול מיט געבעט, האָט געקלונגען: „ביז וואַנען ווערסטו זיך ניט דער־באַרעמען אויף ציון, טאַטעניו! אוי, גרויס זענען די נויטן און די הצטרכות'ן פון דיין פאָלק ישראל. גרויס זענען די זאָרגן פון יידן, קיין געדולד ניטאָ. וואָס איז דער ווונדער טאַטע ויסער! ס'איז ניט זייער שולד. אַ ביטערער גלות פון צרות און לײדן. זײ זשע זיך מרחם, גרויסער פאָטער, און העלף, „כי באו מים עד נפש".

אוצר החכמה
אוה"ח 1234567

אויף דער עלטער איז ער קראַנק געוואָרן און ווען מ'האָט אים געוואָלט איבערפירן אין אַ ווויגונג, האָט ער ניט איינ־געשטימט, מיט וואָס האָט ער דאָס פאַרדינט?

די „פני" פון שטאָט האָבן אים געפירט קיין וואַרשע. ווען מ'האָט אים דערלאַנגט אַ פערטל עוף, און דערוויסנדיק זיך, אַז אַן עוף קאָסט פופציק קאָפּיקעס — האָט ער ניט געוואָלט מער זיין אין וואַרשע. — „איך וויל ניט פאַלן צו לאַסט אויף קהל, אַזוי פיל געלט אויסגעבן אויף מיר. פירט מיך צוריק אין מיין שטאָט סלוצק". און דעם זעלבן טאָג האָט ער פאַרלאָזן וואַרשע.

אַן אַרבעטער איז געקומען אין „ותיקין שטיבל" און זיך באַקלאָגט פאַר ר' רפאל־יאָסלען, אַז אים איז מיאוס געוואָרן שניידעריי.

— „קינד מיינער! טו עפעס אַנדערש און השם יתברך וועט בענטשן „מעשה ידיך" און דו וועסט באַגליקן".

— ניט דאָס האָב איך געמיינט, רבי! איך וויל פאַרלאָזן שניידעריי און זעצן זיך לערנען.

— „קינד מיינער! אַרבעט אַלס שניידער און דין דעם בורא מתוך אהבה, וועט זיין פאַררעכנט גלייך ווי דו וואָלסט לערנען תורה".

— רבי, אַנטשולדיקט מיר, איר זייט דאָך אויך געווען אַ שניידער און היינט, זייט איר אַ צדיק און אַ רב.

— „קינד איינער! ערשטנס בין איך יעצט אַ קנאַפּער צדיק און ווייט פון אַ רב. צווייטנס האָב איך ניט געהאַט וואָס צו פאַרלאָזן, בין איך דען געווען אַ גוטער שניידער? אַ פּראָס־טער לאַטוטניק! אָבער דו מיין קינד, ביזטו אַ גוטער שניידער, גיי אַהיים אַרבעט, זאָג עטלעכע קאַפּיטלעך תהילים אַ טאָג, גיי אין שול, לערן „עין־יעקב". אַרבעטן זאָלסטו און פאַרלאָז ניט דיין פרוי און קינדער.

אוי, „יגיע כפיך כי תאכל אשריך וטוב לך".

דערביי האָבן אים טרערן געשטיקט ריידנדיק.

גאַנצע טעג און נעכט פלעגט ר' רפאל־יאָסל לערנען און טרייסטן זיינע באַזוכער.

ווייניק געקוקט אויף זיך, ביז די כוחות האָבן אים פאַר־לאָזן ביסלעכווייז און ער איז נפטר געוואָרן מיט אַ גרויסן נאָמען.

מיט אַ ציטער און יראת הכבוד ווערט דערמאָנט דער נאָמען „ר' רפאל־יאָסל".

אין „ותיקין שטיבל", פלעגט מען אָנווייזן: „אָט דאָ איז געזעסן דער צדיק".

קיינער האָט ניט געוואַגט זיך זעצן אויף דעם אָרט.

הונדערטער זאַכן און מעשיות ווערן דערציילט וועגן די גרויסקייט פון אַ מענטשן, וואָס האָט זוכה געווען צו אַזאַ הויכער מדרגה.

ב.

ר' חיים זיידעס דערציילט:

I

ר' רפאל יאָסל איז געווען אַ פאַרטאַץ' אין שניידעריי. האָט ער איינמאָל אָפּגעבראַכט צו איינעם אַ שטיקל אַרבעט און ס'איז ניט געלונגען, האָט יענער אים פון כעס געגעבן אַ פאַטש. אַזוי ווי זיין פריינט ר' יאָשע דער גאון איז שוין געווען אַ מומחה אין שניידעריי, זאָגט ר' יאָשע צו רפאל־יאָסלען: „קיין שניידער וועסטו שוין ניט זיין, זעץ זיך לערנען". האָט רפאל יאָסל געפרעגט: היתכן? איך בין אַ עם הארץ, וואָס קען בלויז דאַווענען און דערצו נאָך אַ מטופל מיט אַ פרוי און קינדער. האָט ר' יאָשע אים געענטפערט: פאַנג אָן פון חומש מיט עברי־טייטש, ביז דו וועסט ווערן אַ למדן. וועגן פרנסה זאָרג זיך ניט, איך וועל באַשטעלן דיין פרוי זאָל קנעטן דייזשעס ברויט פאַר די רייכע באַלעבאָסטעס, וואָס מען קריגט 3 קאָפּיקעס פאַר אַ דייזשע, וועט שוין זיין פרנסה.

רפאל יאָסל האָט זיך געזעצט לערנען אין ותיקין שטיבל, בלויז פרייטיק צו נאַכט געגאַנגען אַהיים. קרעאָסין האָט דאָך געקאָסט צו טייער, האָט ער געברענט אַ חלבנע ליכטל צווישן די פינגער און געלערנט ביז די פינגער האָבן גענומען ברענען. דער סלוצקער רב ר' יאשע בער סאָלאָווייטשיק האָט אים מקרב געווען, געמונטערט און געשטיצט. פון דער גאַנצער סביבה פלעגט מען זיך ווענדן צו ר' רפאל יאָסלען. פרויען האָבן אים באַזוכט, ער זאָל זיי פותר חלום זיין. ביי קיינעם קיין געלט ניט גענומען, בלויז גענומען אַ ליכטל צום לערנען.

II

ווען דער רידב"ז איז געווען בגילופין בסעודה של פורים, האָט ער אַ געשריי געטאָן צו די ביי־זיצנדע ביים טיש:

אַ שניידערוק זיצט אין ותיקין־שטיבל און ווייבער גייען צו אים פותר חלום זיין און באַלד וועלן זיי דעם שניידערוק פרעגן שאלות. לאָמיר גיין און דערוויזן אַז ער איז אַן עם הארץ. קומענדיק אַהין, זעט דער רידב"ז ווי ר' רפאל יאָסל לערנט מסכת שבת. פרעגט דער רידב"ז אים קשיות און מיט רוגזה. אָבער ר' רפאל יאָסל ענטפערט בנחת און ווייזט אָן דעם מקור. דער רידב"ז פרעגט ווייטער, און יענער ווייזט אָן אויף אַ געוויסן תוספות. דער רידב"ז ווערט נתפעל פון זיין גדלות און זאָגט: ביז היינט האָב איך געדענקט אַז איך בין דער איינציקער למדן אין סלוצק. יעצט זע איך, אַז דאָ אין שטיבל זיצט נאָך איינער.

III

יאָרן לאַנג איז געשטאַנען אויף ר׳ רפאל־יאָסלס קבר אַ הילצערנע מצבה. לייבע יוך דער שמיד האָט גענומען דעם גרויסן שטיין וואָס איז געלעגן ביי דער קאַלטער שול און געמאַכט פון אים אַ מצבה אויף ר׳ רפאל־יאָסלס קבר.

ג.

ר׳ רפאל־יאָסל זאָגט זיין וואָרט וועגן דער פרויען־מאָדע פון זיין צייט.

אויף אַ חתונה האָבן זיך געקריגט די מחותנים. דער חתן האָט ניט געוואָלט גיין צו דער חופה אויב מען וועט אים ניט צושטעלן די צוגעזאָגטע ראָטאָנדע, וואָס עס האָט געפעלט צו די חתונה־קליידער פון דער כלה.

האָט מען געשיקט רופן ר׳ רפאל־יאָסלען און געבעטן אים ער זאָל מאַכן שלום צווישן די צדדים.

ר׳ רפאל יאָסל איז געקומען און האָט צום ערשטן געפרעגט וואָס איז עס אַזוינס אַ ראָטאָנדע. האָט מען אים דערקלערט זייער דייטלעך אַז דאָס איז אַ ווייבערשער בגד אָן אַרבל.

ר׳ רפאל־יאָסל האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן דעם חתן און געפרעגט האָט ער אים זייער ערנסט און זייער האַרציק:

— מיין קינד, צוליב אַ פּאָר אַרבל קריגט מען זיך איידער מען גייט צו דער חופה. צוליב אַ פּאָר אַרבל מאַכט מען אַזעלכע לייטעשע געלעכטער?

דער חתן האָט זיך שטאַרק צושמייכלט. געשמייכלט האָבן אויך זיינע טאַטע־מאַמע.

נאָר ר׳ רפאל־יאָסל האָט דעם חתן־בחור ווידער אַריינגעזאָגט דאָס זייניקע:

— אם־ירצה־השם, נאָך דער חתונה וועט דיר גאָט העלפן און דו וועסט אויף דיין אייגענעם חשבון איינייען אַרבל אינם מלבוש פון דיין יונג ווייבל. און אפשר אין דעם זכות פון די פּאָר אַרבל וואָס עס פעלט איר איצט צום בגד, וועסטו זיין געבענטשט מיט פרנסה בשפע אויף דיין גאַנץ לעבן.

אסתר מלכה שפּילקין (ר׳ רפאל יאָסלס טאָכטער)

דער קריגערישער חתנ׳ס צד האָט אויפגעהערט צו שמייכלען. דער זון און טאַטע־מאַמע האָבן געדאַנקט ר׳ רפאל יאָסלען פאַר זיינע ברכות און געהייסן שטעלן חופה אין אַ גוטער און מזלדיקער שעה.

פאַרשריבן אין סלוצק דורך ר. פ.

מרדכי ליפע גארין ניו־יאָרק / געשטאַלטן

דיינאוו צבי הירש

(1832 — כ״א אדר 1877)

געבוירן אין סלוצק, געווען מפורסם א״נ „דער סלוצקער מגיד". איינער פון די ערשטע מאָדערנע מטיפים אויף יידיש; אין אַ פשוטער יידישער שפּראַך, אָן דעם טראַדיציאָנעלן מגידישן ניגון, אָן העוויות, ניט שרעקנדיק דעם עולם מיטן גיהנום. מיט זיין גרויסן כוח הדיבור פלעגט ער מאַכן אַ גרויסן רושם אויף די צוהערער. דורכגעדרונגען מיטן געדאַנק פון השכלה, האָט ער געשילדערט פאַרן עולם דעם שפלדיקן מצב פון פאָלק, דעם עקאָנאָמישן און גייסטיקן, אַרויסגעטראָטן קעגן פאַלשן יחוס, קעגן ליידיקגייעריי, געפּריידיקט די נייטיקייט צו פאַרנעמען זיך מיט מלאכה, די וויכטיקייט פון בילדונג, פון שיקן די קינדער אין פאָלקס־שולן. די חברה „מפיצי השכלה" פלעגט אים שיקן אויף אירע הוצאות איבער יידישע שטעט און שטעטלעך צו האַלטן דרשות פאַרן פאָלק. זיינע שאַרפע אַרויסטרעטונגען קעגן דעם פאַנאַטיזם און דעם אבערגלויבן, ווי אויך דאָס וואָס ער האָט ניט צופיל מתמיר געווען אין אָפּהיטן געוויסע מצוות, האָבן אויפגעבראַכט קעגן אים די אָרטאָדאָקסיע; ער האָט זיך געקויפט אַסך שונאים בפרט צווישן דעם אַלטן דור. די באַציאונג צו אים האָט זיך באַזונדערס פאַרשאַרפט צוליב דעם, וואָס די רוסישע אַדמיניסטראַציע, (צו וועלכער ער פלעגט זיך ווענדן נאָך הילף), האָט אים פּראָטעזשירט. אין אַסך שטעט האָט מען פאַרשלאָסן פאַר אים די טירן פון בית־מדרש, און אין „המגיד" און „המליץ" פלעגט אים אויסקומען אָפט צו קלאָגן זיך אויף די רדיפות וואָס ער האָט אויסצושטיין פון די קעגנערס פון השכלה. אַ דאַנק דער השתדלות פון זיין פריינט יל״ג איז ד. אין 1874 איינגעלאַדן געוואָרן אַלס מטיף פון דער קהילה „עין יעקב" פון די רוסיש־פוילישע יידן אין לאָנדאָן, וווּ ער איז געוואָרן זייער פּאָפּולער און באַליבט, אַפילו ביי די פירער פון דער יאַהודישער קהילה מיטן ראַבינער נתן אדלער בראש. כאַראַקטעריסטיש איז זיין באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך; אין איינעם פון זיינע בריוו צו דער „חברה מפיצי השכלה" פון 1873, מאַכט ער די חברה אויפ־